בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל**

**תשפ"ה**

384

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַלְץ רוּאִיג אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן?........................ ב
זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ צָאלְן רֶענְט?........................ ד
מֶעג מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט?........................ ה
פַארְוָואס טוּט מַיין וַוייבּ גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ?........................ ו
מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען נִישְׁט חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?........................ ח
אוֹיסְזָאגְן פַארְן מְלַמֵּד אַז קִינְדֶער לָאזְן אוֹיס בַּיים דַאוְונֶען?........................ י
ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן?........................ יא
ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס ווֶען מַיין מַאן פָארְט קַיין אוּמַאן?........................ יב
פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע?........................ טו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


יֶענֶעם אוֹיפְלֶעבְן, אוּן גֶעבְן מַמָּשׁ לֶעבְן........................ א
עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט ווֶען מֶען פַאלְט אַרָאפּ........................ ב
אָפְּגֶעלָאזְט דָאס זִיצְן אוֹיף דִי נַייעֶס........................ ג
עֵצוֹת פַאר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת........................ ד
דִי שְׁטוּבּ זָאל ווַייטֶער בְּלַייבְן אַ גַן עֵדֶן........................ ד
אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם שִׁידוּךְ........................ ה
הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין שְׁמוּעֶסְן פוּן פְרֶעמְדֶע אוּן לֵצִים........................ ח

וֶוען עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּם מַאן קֶעגְן זַיין וַוייבּ.......................................ט

דִי בֶּעבִּי וֵויינְט, אוּן דִי מַאמֶע וֵויינְט מִיט........................................'

עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים, אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת........................יא

פַּארְנַאכְטְס אִיז קְרִיטִישׁ וִויכְטִיג צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ........................יב

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶער, אַ פְּרֵיילִיכֶער .........................יג

זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן אַז מֶען אִיז מִיד אוּן נָאכְגֶעלָאזְט ..........................יד

אַז מֶען הֵייסְט פוּן הִימְל טַאנְצְן ................................................ טו

וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קְלֵיידְל קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ?..........................יז

וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם מַאן, דִי קִינְדֶער, אוּן זִיךְ אַלֵיין ...........................יז

אַ טַעַם גַן עֵדֶן אִינֶעם טָאפּ................................................. יט

מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת ..........................................................כ

זִיךְ נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי אַרְמֵיי פוּן דִי עֵרֶב רַב ...............................כא

מַזָל טוֹב פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁידוּךְ ..........................................כב


**הקונטרס השבוע**

**לע"נ ר' שמואל אייזיק ב"ר יואל ז"ל**

**נלב"ע כ"ז אדר תשס"ה**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַלֶץ רוּאִיג אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דִי נוּסָח פוּן דִי מַצֵּבָה פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס שְׁטֵייט דָארְט דִי וֶוערְטֶער: "לֹא כָּעַס מֵעוֹלָם", עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט בַּאוִויזְן אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ? אַ צַדִיק וָואס הָאט אָנְגֶעפִירְט אַזַא בְּרֵייטֶע אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן אוּן אָרֶעמֶעלַייט, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרוּנְקֶען אוּן צוּ שְׁלָאפְן - זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן?

קֶען אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּ זַיין אַזוֹי רוּאִיג אַז גָארְנִישְׁט זָאל אִים וֵויי טוּן? אוּן גָארְנִישְׁט זָאל אִים אוֹיפְרֶעגְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא קֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן כַּעַס, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען דָאס

אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תְּפִלָּה פוּן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת (אוֹת רסא, רסב). זָאג דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אוֹיסְרַייסְן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּ זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס אוּן פוּן זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן. הִיט מִיךְ מִיט דַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ וֶועל צוּקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ כַּעַס, זָאל אִיךְ נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַכְזָרִיוּת, אִיךְ זָאל דָאס שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוֹיף רַחְמָנוּת. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶע וועמֶען אִיךְ הָאבּ אוֹיף זֵיי כַּעַס, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם קֵיינֶעם נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין מִיר 'לֹא יִהְיֶה בִּי אֵל זָר, וְלֹא אֶשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר', וָואס דִי פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער וָואס אִיז בְּכַעַס, ווייל כַּעַס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ ווייסְט ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר צוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע גוּסְטֶע וָואס כַאפְּט מִיר אָן, ווייל וֶוען עֶס הוֹיבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר חַס וְשָׁלוֹם דִי כַּעַס - פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ וִוי אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר; הִיט מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן אוּן אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס. אִיךְ זָאל זַיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּן יֶעצְט בִּיז אֵייבִּיג, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ צָאלְן רֶענְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מַיין חָבֵר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט פַאר דִי דִירָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט - זָאל מֶען בָּארְגְן פַאר דֶעם; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט טַאקֶע אַז רֶענְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהֶערְט אַז מֶען זָאל בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז טַאקֶע, אוּן דֶערְוַוייל גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּטָה, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֱמֶת, רֶענְט דַארְף מֶען גְלַייךְ בַּאצָאלְן, מוֹהֲרַנְ״תְּ זָאגְט אַז רֶענְט קוּמְט דִי עֶרְשְׁטֶע; רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן, וַוייל עֶסְן - קֶען מֶען גֵיין צוּ שְׂמָחוֹת, מֶען קֶען אַהֵיים נֶעמֶען פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וְכוּ׳, אָבֶּער אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט רֶענְט - וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאךְ אוֹיפְן קָאפּ, מֶען וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ דִירָה.

אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, חוֹבוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חוֹבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״, וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זַיין אַ בַּעַל חוֹב; חַס וְשָׁלוֹם בָּארְגְן גֶעלְט, בָּארְגְן גֶעלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט אֲפִילוּ עֶס פַּאסְט נִישְׁט וְכוּ׳, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דַיינֶע הוֹצָאוֹת - זָאלְסְטוּ גֵיין קְלֵייבְּן גֶעלְט.

עַל פִּי הֲלָכָה, אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - מֶעג מֶען נֶעמֶען פוּן צְדָקָה, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ׳, אוּן טֵייל דָאס אוֹיס בַּיי דִי הַייזֶער; מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דִיךְ בַּאֲוואַרְפְן מִיט גְרוֹיס גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דִי סְפָרִים, מֶענְטְשְׁן דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק; אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס גָאר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִינְמִיטְן טָאג, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ מֶעג עֶס זָאגְן בַּיינַאכְט, כָאטְשׁ וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַ תַּקָּנָה פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאךְ עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ פוּן תְּפִילַּת שַׁחֲרִית, וֶוען מֶען הָאט נָאךְ אָנְגֶעטוּן דִי רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין; אַזוֹי וֶוערְט דָאס אַ בַּאשְׁטִימְטֶע זַאךְ, אוּן מֶען פַארְפֶעלְט נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג פוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי. ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן כט), אַז דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָּל צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָּל פַאר אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן דִי 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן רֵיינֶע מוֹחִין. וַוייל דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז מְתַקֵּן אַלֶעס, אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס אִיז שְׁוֶוער אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֵיי, אוּן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זָאגְן בַּייטָאג - קֶענְסְטוּ זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיינַאכְט.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "עֶס וֶועט זַיין שְׁוֶוער צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט צוּ זָאגְן", (מֶען זֶעט דָאס קְלָאר, וֶוער קֶען דֶען נִישְׁט זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים... עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אָבֶער דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי דָאס קוּמְט שׁוֹין אָן שְׁוֶוער צוּ זָאגְן).

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס טוּט מַיין וַוייבּ גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס וָואס טוּט מִיר וֵויי שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט; אִיךְ לֶעבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אִין גוּטְן מִיט מַיין וַוייבּ, מִיר רֶעדְן זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִינְאֵיינֶעם, אָבֶער עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אוּן דָאס זֶעלְבְּסְט אַז עֶס טוּט מִיר וֵויי - דָאס אַלֵיין טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, וַוייל דָאס מֵיינְט אֶפְשָׁר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

מַיין וַוייבּ טוּט גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ וַואשׁ דִי וֶועשׁ, אִיךְ וואשׁ דִי גֶעשִׁיר, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא, אִיךְ טוּ דָאס אַלֶעמָאל אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל הַיינְט אִיז זִי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, אוּן אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעבֶּעטְן זִי זָאל מִיר מַאכְן אַ סוּרְפְּרַייז אוּן וַואשְׁן דִי גֶעשִׁיר,

טְרוּקֶענֶען דִי וֶועשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוַואשְׁן, אוּן אַרַיינְלֵייגְן נָאךְ וֶועשׁ צוּ וַואשְׁן. זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל קוֹדֶם גֵיין צוּ אִיר מַאמֶע, כָאטְשׁ וָואס זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט זִי אַהֵיימְקוּמֶען אוּן עֶס טוּן. לְמַעֲשֶׂה אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט אַיינְקוֹיפְן מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער פַאר צְוֵויי שָׁעָה. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז זִי זָאל הֲנָאָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער אַז זִי זָאל אוֹיךְ עֶפֶּעס צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ הַאלְט זִיךְ אַיין אַ גַאנְצְן צַייט פוּן אִיר צוּ זָאגְן עֶפֶּעס וֶועגְן דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער ווִי אִיךְ וֶוער צֶעפְּלַאצְט פוּן דֶעם, אֵיינֶער דַארְף אִיר זָאגְן וָואס זִי הָאט צוּ טוּן; אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ דַארְף אִיר עֶס נִישְׁט זָאגְן, אָבֶּער וֶוער יָא?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער, זָאל עֶס זַיין מוּסָר אָדֶער חִיזוּק, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, דַארְף אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן? דַארְף אִיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, וָואס הֵייסְט אַז דַיין וַוייבּ טוּט גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ? דוּ שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אַז זִי אַרְבֶּעט; זַייט וֶוען דַארְף אַ פְרוֹי גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה? אַ פְרוֹי הָאט נִישְׁט קַיין חִיוּב צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; מֵהֵיכָא תֵּתֵי, אוֹיבּ אַ פְרוֹי ווִיל הֶעלְפְן אִיר מַאן גֵיין אַרְבֶּעטְן, הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה - וואוֹיל אִיז אִיר, אָבֶּער גֵיין זָאגְן אַז זִי טוּט גָארְנִישְׁט? זִי אַרְבֶּעט דָאךְ! זִי בְּרֶענְגְט דָאךְ פַּרְנָסָה!

אוֹיף דֶעם גֵייסְטוּ שׁוֹין אוֹיסְפְּלַאצְן? וָואס אִיז מִיט דִיר, דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע לֶעבְּן מִיט אִיר, אוּן אַז זִי הִיט דִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): ״רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְּבֵיתְהוּ״, רַבִּי חִיָּיא׳ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: ״כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי״, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, ״צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי

נִיהֲלֵהּ״, פְּלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען. פַּארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, רַב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: ״הָא קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ לְמַר״, זִי אִיז דָאךְ דִיךְ מְצַעֵר, פַּארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר דִי גוּטֶע זַאכְן? הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ״, מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, ״וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא״, אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

מִיט גוּט קוּקְן אוּן מִיט סַבְלָנוּת - קוּמְט מֶען אָן גָאר וַוייט, מִיט אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט אוֹיסְלוֹיבְּן - זֶעט מֶען וואוּנְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): ״אִשָּׁה גוֹלֶם הִיא״, אוּן זִי אִיז ״כּוֹרֵת בְּרִית״, זִי וֶוערְט אֵיינְס - ״אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי״, נָאר מִיט דֶעם מַאן וָואס מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט פְּשַׁט, דֶער וָואס בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי, פוּן אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי מַאכְט עֶר אִיר פַאר אַ גַאנְצֶע זַאךְ, מִיט אוֹיסְרִימֶען מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט שְׁמֵייכְלֶען וְכוּ׳ - מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אִיר פַאר אַ כֵּלִי, מֶען מַאכְט אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן מֶען הָאט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען נִישְׁט חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְן הַארְץ, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס דֶערְוַוייטֶערְט מִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ פְּרוּבִיר אַסַאךְ צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ זַיין נָאנְט מִיט אִים, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער צוּמָאל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס חַס וְשָׁלוֹם, אַז עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט, אוּן וֶוער וֵוייסְט וֶוען עֶר וֶועט מִיר יָא עֶנְטְפֶערְן, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע

מַצָּב פוּן הַסְתֵּר פָּנִים, אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק זֶען און שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִיךְ וויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן אֵייגֶענֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

צוּמָאל וֶוער אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל נִישְׁט אִיךְ זָאל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב? עֶר דַארְף נִישְׁט הָאבְּן מַיינֶע אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט אִים אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע און עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב? אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער? עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע חַבֶר'טֶעס הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטִיבֶּער, מַיין שְׁטוּב אִיז נִישְׁט אַזוֹי וויכְטִיג בַּיי אִים?!

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה און חִיזוּק פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאגְן אַייךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אַייךְ נִישְׁט - דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר׳עֶ מַחֲשָׁבוֹת, דָאס קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא. קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי טְרֵיפָה׳נֶע מַחֲשָׁבוֹת, און זָאגְט אַייךְ: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ״, און דָאס וָואס אִיר וַוארְט אוֹיף אַייעֶר שִׁידוּךְ - דָאס וֵוייסְן מִיר נִישְׁט; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט און פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס וֶועגְן, מִיר גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, און מִיר דַארְפְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה און אִין שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת.

פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, הָאט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת און קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַייט וַוייטֶער מִתְפַּלֵל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת, אָבֶּער חַס וְחָלִילָה הָאבְּן אַ פִּינְטְל טַעֲנוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

אִיר וֶועט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְזָאגְן פַארְן מְלַמֵד אַז קִינְדֶער לָאזְן אוֹיס בַּיים דַאוֶונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶוען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין מַיין קְלַאס לָאזְן אוֹיס שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם דַאוֶונֶען וֶוען דֶער רֶבִּי זֶעט נִישְׁט? זָאל אִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְלָאזְן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ צוּזַאמֶען מִיט זֵיי, אָדֶער זָאל אִיךְ גֶעהֶערִיג דַאוֶונֶען אַלֶעס אִין דִי רַייעֶ, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט דֶער רֶבִּי מִיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן פַארְוָואס אִיךְ דַאוֶון נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווּאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ דַאוֶוענְסְט עֶרְלִיךְ אוּן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. לָאז נִישְׁט אוֹיס פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט אַז דוּ דַאוֶוענְסְט שְׁטַייטֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער; דוּ גֵיי דַיין וֶועג, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; אַזוֹי וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בִּבְחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, "עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", אִיז חָשׁוּבֶ'ער פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

זָאג גָארְנִישְׁט פַארְן מְלַמֵּד וֶועגְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, זוּךְ נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף דִיר, דַאוֶּועןן אוּן לֶערְנֶען אוּן טְשֶׁעפֶּע קֵיינֶעם נִישְׁט. בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל רֶעדְן מִיט דַיין מְלַמֵּד, אוּן אִים זָאגְן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דַאוֶּוענֶען שְׁנֶעל, עֶס נֶעמְט דִיר לֶענְגֶער, אוּן וָואס דֶער מְלַמֵּד וֶועט זָאגְן - דָאס זָאלְסְטוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּר וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁפִּילְט פַאר דִי פְּרוֹיעֶן דִי וָואךְ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, אִיךְ הָאב זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן. אוּן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן קְלָאר מַאכְן אִינֶעם שִׁיעוּר וָואס עֶס מֵיינְט הִתְקָרְבוּת צוּ אַ צַדִּיק.

אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער, קוּים וָואס אִיךְ קוּם אָן צוּ רֶעדְן אַ מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס גֵייט מִיר אַזוֹי גוּט, אִיךְ הָאב אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן קוּים קוּים וָואס אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוֹיף דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַאכְט זִיךְ אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, יֶעדְן טָאג פַאר פִינְף מִינוּט, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נֶעמְט אַ צֶעטְל, שְׁרַייבְּט אוֹיף אַלֶעס אוֹיף וָואס אִיר ווִילְט זָאגְן שְׁכֹּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט אִים בֶּעטְן, אִין

דִי פִינְף מִינוּט זָאלְט אִיר נִישְׁט גֵיין צוּם טֶעלֶעפָאן, (לֶעשְׁט אוֹיס דֶעם רִינְגֶער), אוּן שְׁמוּעֶסְט אַייךְ אוֹיס אַייעֶר הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי פִינְף מִינוּט.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אִיר וֶועט שְׁפִּירְן אַזוֹי גוּט. קֶען זַיין אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט אִיר וֶוערְן נֶערְוֶועז, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן אִין פְּלַאץ, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי זֵייגֶער יֶעדֶע פָּאר סֶעקוּנְדֶעס אוּן וַוארְטְן עֶס זָאל שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין דִי פִינְף מִינוּט, אָבֶּער נָאךְ אַ קְלֵיינֶע קוּרְצֶע צַייט וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע עֶנְקְזַייעֶטִיס, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע בּוּשָׁה, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע פְּחָדִים; דָאס לֶעבְּן וֶוערְט וִוי אַ זִיסֶע חָלוֹם.

טֵיילְט אַיין דִי צֶעטְל, אוֹיף אֵיין זַייט שְׁרַייבְּט אַרָאפּ זַאכְן פוּן דַאנְקֶען אוּן אוֹיף דִי צְוֵויטֶע זַייט שְׁרַייבְּט אַרָאפּ זַאכְן פוּן בֶּעטְן, אוּן אַזוֹי זָאלְט אִיר זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים, שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים, בֶּעטְס אִים אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעטְס אִים אוֹיף אֱמוּנָה אוּן אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס וֶוען מַיין מַאן פָּארְט קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּנְזֶער לֶעבְּן אִיז זֵייעֶר גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

מַיין מַאן רֶעדְט אַזוֹי סַאךְ פוּן אוּמַאן אוּמַאן אוּמַאן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶר זָאל פָארְן? לֶעצְטֶע יָאר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן צוּ וֵויינֶען, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מַיין מַאמֶע אוּן זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי נִישְׁט שֵׁיין צוּ מִיר. אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דִי קְלֶענְסְטֶע בֶּעט אִין הוֹיז, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מִינוּט פְּרִיוַואט פַאר מִיר, דִי טִיר וואו אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלָאס, יֶעדֶער הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּילְן מִיט דִי

זַאכְן אִין מַיין רֶענְצְל, מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אַהֵיימְגֵיין אוּן זִי הָאט גֶעמוּזְט ווִיסְן אַ גַאנְצְן טָאג וואוּ אִיךְ בִּין, עֶס הָאט מִיךְ צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַלְס מֵיידְל.

אִיךְ קֶען נִישְׁט נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ פַאר מִיר וואוּ צוּ גֵיין, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ טוּן זַאכְן פַאר אוּמַאן, אוּן יֶעדֶעס מָאל מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם וֶוער אִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְגֶעצוֹיגְן; וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵויס זֵייעֶר גוּט אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְלָאזְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְרוֹי פַאר וֶועם עֶס אִיז שְׁוֶוער; פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, צוּ בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער וֶוען דֶער מַאן פָארְט אַוֶועק פַאר יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִיז דָאס שְׁוֶוער, פַאר אוּנְז אִיז דִי נְסִיעָה נָאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אוֹיסְמַאטֶערְנְדֶע וֶועג בִּיז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דָאס דָארְט זַיין אִיז שְׁוֶוער, אוּן דָאס אַהֵיים קוּמֶען אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן דָאךְ פָארְן מִיר, ווַייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ אוּן מִיט זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען (פִּיּוּט וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף): "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן", רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְשְׁרַייבְּט מֶען וָואס וֶועט פַּאסִירְן דִי יָאר, "וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן", אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים זִיגְלְט מֶען אָפּ וָואס מֶען פַארְשְׁרַייבְּט, "מִי יִחְיֶה", וֶוער וֶועט לֶעבְּן דִי יָאר, "וּמִי יָמוּת", אוּן וֶוער וֶועט שְׁטַארְבְּן דִי יָאר, "מִי בָאֵשׁ", וֶוער וֶועט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דִי יָאר, "וּמִי בַמַּיִם", וֶוער וֶועט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן דִי יָאר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, אוֹיב עֶס וַוארְט אַייךְ חַס וְשָׁלוֹם אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, אִיר דַארְפְט זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִּין) זָאל אַייךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט, אוּן אִיר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַז אַייעֶר מַאן זָאל פָארְן צוּם גְרוֹיסְן לוֹיעֶר אַייךְ פַארְטֵיידִיגְן, אָבֶער אִיר וֶועט דַארְפְן שְׁלָאפְן אַלֵיין אִין שְׁטוּב, אָדֶער אוֹיף אַ קְלֵיינֶע בֶּעט בַּיי אַייעֶר מוּטֶער, וָואלְט אִיר מַסְכִּים גֶעוֶוען? אוּן אוֹיב אַייעֶר מַאן קֶען פָארְן צוּ אֵיינֶער וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן מִיט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, אוּן אוֹיךְ שְׁתַּדְלֶ'ען פַאר פַּרְנָסָה פַאר אַייךְ, אָבֶער אִיר וֶועט דַארְפְן פַאר אַ וָואךְ שְׁלָאפְן בַּיי אַייעֶר מַאמֶע, אוּן אִיר וֶועט וֵויינֶען, אוּן אַייעֶר מַאמֶע וֶועט אַייךְ זָאגְן אַהֶער מִיט אַהִין, וָואלְט אִיר גֶעזָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן עֶר זָאל בְּלַייבְן אִין שְׁטוּב? אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר וָואלְט גֶעשְׁטַארְקְט אַייעֶר מַאן עֶר זָאל טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן גֵיין צוּם דָאקְטֶער, צוּם לוֹיעֶר, אוּן אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט אוּן מִיט אַ שֶׁפַע.

יֶעצְט וִויל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז, "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן", אֲפִילוּ דִי וָואס אִיךְ קֶען זַיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין דוּרְכְן יָאר, "אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן", אָבֶער אוֹיב זַיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ מִיר קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ אוֹיךְ זֵיי פַארְרֶעכְטְן, "כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

נָאכְן הֶערְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ זִיכֶער אַז אִיר וֶועט שִׁיקְן אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן; נִישְׁט נָאר אִיר וֶועט אִים שִׁיקְן, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם עֶר אַלֵיין וֶועט הָאבְן סְפֵיקוֹת אוֹיב עֶר זָאל יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן, וֶועט אִיר

אִים שִׁיקְן, אִיר וֶועט אִים שְׁטַארְקְן עֶר זָאל גֵיין צוּם רֶבִּי'ן וָואס קֶען מְתַקֵּן זַיין, אוּן אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר אַז אַייעֶר מַאן אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ פְרוֹי וָואס הַאלְט נִישְׁט אָפּ אִיר מַאן פוּן גֵיין קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַבְטָחוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נֶעבֶּעךְ אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער לַיידְט פוּן מִיר. מַיינֶע מִידוֹת זֶענֶען נָאךְ אַזוֹי רוֹי, אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אִים וֶוען עֶר נִיצְט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶר צֶעשְׁרֵייט זִיךְ וֶוען אִיךְ אָדֶער מַיין מַאן פְרֶעגְן אִים אִיבֶּער עֶפֶּעס וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קְלָאר וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט. וֶוען עֶר פַארְלִירְט זִיךְ אוּן טוּט ווילְדֶע זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל נֶעמֶען אַ בֶּעזֶעם שְׁטֶעקְן צוּ שְׁלָאגְן, וִוי אַזוֹי רֶעאַגִיר אִיךְ? וָואס זָאג אִיךְ דֶעמָאלְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס צֶעקְלַאפְּט אִיר זִיךְ? וָואס רֶעדְט אִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוֹיף זִיךְ? אַז אַ קִינְד הָאט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר אוּן מֶען דַארְף דָאס אִים הֶעלְפְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן - דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אוּן אַז אַ קִינְד

שְׁלָאגְט און נֶעמְט שְׁטֶעקֶענְס צוּ שְׁלָאגְן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער און מֶען דַארְף אִים קַנְסְ'עֶנֶען - דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דָאס קִינְד לַיידְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן; מֶען לַיידְט פוּן זִיךְ אַלֵיין פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, און עֶלְטֶערְן דַארְפְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן.

אַז אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער ווִילְדֶעוֶועט - דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט ווִילְדֶעוֶוען; מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען קֶען נִישְׁט שֶׁעדִיגְן גֶעשְׁוִויסְטֶער. אַמָאל דַארְף מֶען אִים לֵייגְן אִין דִי זַייט בִּיז עֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ און בִּיז עֶר בֶּעט אִיבֶּער, אַמָאל הֶעלְפְט מֶען אִים אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", אַמָאל פְרֶעגְט מֶען: "גֵייסְט שׁוֹין זַיין גוּט?" און אַז דֶער קִינְד גֶעבְּט נָאר אַ קְלֵיינֶע שָׁאקְל דֶעם קָאפּ, זָאגְט מֶען הוֹיךְ: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אַ טֵייעֶר קִינְד, דִי יֵצֶר הָרָע אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ".

אַמָאל אַז אַ קִינְד אִיז זֵייעֶר ווִילְד, שְׁלָאגְט און שְׁטוֹיסְט, קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד אִיז הוּנְגֶערִיג, אַמָאל קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד אִיז מִיד; דַארְף מֶען גֶעבְּן ווָאס שְׁנֶעלֶער עֶפֶּעס עֶסְן און זֶען ווָאס מֶען קֶען טוּן.

אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ פָאלְגְן - אִיז נִישְׁט פַארְקֶערְט פוּן זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען לָאזְט קִינְדֶער טוּן ווָאס זֵיי ווִילְן, דָאס אִיז דִי שְׁלֶעכְטְסְטֶע זַאךְ ווָאס קֶען זַיין; אַוַדַאי דַארְף דָאס זַיין מִיט אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער און אַסַאךְ לִיבְשַׁאפְט, אוֹיסְרִימֶען, אוֹיסְלוֹיבְּן, אָבֶּער אוֹיךְ דַארְף מֶען לֶערְנֶען קִינְדֶער ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן, און אוֹיף נִישְׁט שְׁלָאגְן גֶעשְׁוִויסְטֶער וְכוּ'.

דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר דִי קִינְדֶער, און בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז גָאר אַ גוּטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער, בֶּעטְס בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי מְחַנֵךְ זַיין מִיט שִׂמְחָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן, ווִיפִיל צוּ זָאגְן און וֶוען צוּ זָאגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער מִיט שִׂמְחָה, מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, און זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## יֶענֶעם אוֹיפְלֶעבְן, אוּן גֶעבְן מַמָּשׁ לֶעבְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ג, כז): ״אַל תִּמְנַע טוֹב מִבְּעָלָיו״, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְמַיידְן גוּטְס פוּן אַנְדֶערֶע, ״בִּהְיוֹת לְאֵל יָדְךָ לַעֲשׂוֹת״, וֶוען דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט דָאס צוּ טוּן; מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן - קֶען מֶען יֶענֶעם אוֹיפְלֶעבְן, אוּן גֶעבְן מַמָּשׁ לֶעבְן.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז ״בִּהְיוֹת לְאֵל יָדְךָ לַעֲשׂוֹת״, יֶעדֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט דָאס צוּ טוּן, דָאס אִיז מֶער פוּן גֶעבְן יֶענֶעם גֶעלְט, וַוייל מֶען קֶען הָאבְן גֶעלְט, מֶען קֶען הָאבְן רַייכְטוּם, אָבֶּער אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְט מֶען אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּט וָוארְט - וֶוערְט מֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז מְקָרֵב אוּן מֶען בְּרֶענְגְט יֶענֶעם צוּם צַדִּיק, מֶען פַארְגִינְט אַ צְוֵוייטְן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, גֶעבְּט מֶען פַאר יֶענֶעם מַמָּשׁ לֶעבְן בָּזֶה וּבַבָּא.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק ״אַל תִּמְנַע טוֹב מִבְּעָלָיו״, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ״טוֹב״, הָאסְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ דָאס נִישְׁט וַוייטֶער? ״בִּהְיוֹת לְאֵל יָדְךָ לַעֲשׂוֹת״, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרוּדֶער, יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, בִּיסְט אִין אַזַא קַטְנוּת הַדַעַת, בִּיסְט יֶעצְט אִין אַזַא מַצָּב וְכוּ', אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט פַאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים, מֶען הָאט אִים גֶעגְרוּסְט "גוּט שַׁבָּת". וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ בֻּלְמוּס, עֶס אִיז אִים שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֵייט חַלֶשְׁ'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן גֶענוּמֶען פוּן דִי מַצָּה פוּן דִי עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. דֶער מְשַׁמֵּשׁ הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'דֶער אִיד פָּאפְט אָפּ אַלֶעמֶען, עֶר זָאגְט אַז עֶר פַאסְט, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ גַנָב, עֶר גַנְבְ'עט דִי מַצָּה פוּן שְׁטָאט!' אָן צוּ גֵיין פְרֶעגְן דֶעם אִיד וָואס גֵייט פָאר, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת: "גַנָב! פָּאפֶּער!!!" וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט דֶער מְשַׁמֵּשׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט יֶענֶעם זֵייעֶר מְבַזֶּה גֶעוֶוען. יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אוּנְזֶער הִתְחַזְּקוּת, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד, אַ שָׁאד; וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וָואלְט עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה"; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַלֶע גֶעבְּן כָּבוֹד, וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט, דִי קוּנְץ אִיז וֶוען אַלֶע רֶעדְן אוֹיף מִיר, אַלֶע שְׁפֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען מִיךְ מְבַזֶּה - בְּלַייבּ אִיךְ אַ גֶעטְרֵייעֶר עֶבֶד צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לִיבֶּער חַבֵר, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל, דֶער קוּנְץ אִיז נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט גוּט, דֶער קוּנְץ אִיז יֶעצְט, וֶוען אַלֶעס אִיז שְׁוַוארְץ - נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס וִוילְן, דָאס בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ

תַּלְמִיד רֶבִּי שָׁאוּל מְטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ווִי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת - הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאכְנִישְׁט קַיין הַנָאָה; ווען אִיךְ וֶועל זֶען ווִי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הַנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אָנְגֶרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, אוּן דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּגֶעלָאזְט דָאס זִיצְן אוֹיף דִי נֵייעֶס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי אַרְבֶּעט פוּן זִיצְן אוֹיף דִי נֵייעֶס וְכוּ', מֶען זֶעט שׁוֹין אוֹיף דִיר מֶער שִׂמְחָה אוּן עֶרְלִיכְקֵייט.

אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁטַארְקְן זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה אוּן אוֹיךְ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, וְעַל כּוּלָם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים, דַאנְק אִים פַאר דִי נֵס אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים פַאר אַלֶע נִיסִים.

אִיךְ ווִיל הָאבְּן מִיט דִיר קֶשֶׁר, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

שִׁיק אַ גְרוּס פַאר דַיין שְׁוֶוער נֵרוֹ יָאִיר.

...

## עֵצוֹת פַאר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

װֶעגְן אַייעֶרֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת - אִיז דָא אֵיין עֵצָה, זַיין פְרֵיילִיךְ; בֶּעטְס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אַייךְ גֶעבְּן צוּ הֶערְן װֶוען אִיר גֵייט שְׁלָאפְן - מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים; דָאס װֶעט אַװֶעק נֶעמֶען אַלֶע שְׁרֶעק, װַייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעבְּט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת.

בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַאן װָאס לֶערְנְט אוּן דַאװֶוענְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיר זֶענְט נָאךְ אַ יוּנְג קִינְד, אִיר הָאט נָאךְ אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר צוּ קֶענֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער מַאן. מֵיינְט נִישְׁט אַז דָאס בַּאקוּמְט מֶען אוּמְזִיסְט, נָאר נָאךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן אַסַאךְ טְרֶערְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שְׁטוּבּ זָאל װַייטֶער בְּלַייבְּן אַ גַּן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

פַארְיָאר װֶוען אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען אוֹיסְגִיסְן אַייעֶר הַארְץ אַז אַייעֶר שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּעטְן דְרֵיי זַאכְן, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז גֶעװֶוען אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין מָארְוִיס וְכוּ׳, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זַייט אִיר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען דִי דְרֵיי זַאכְן וְכוּ׳ - אִיז אַייעֶר שְׁטוּבּ גֶעוָוארְן צוּרִיק אַ ׳גַּן עֵדֶן׳.

װִיל אִיךְ אַייךְ שְׁטַארְקְן אִיר זָאלְט װַייטֶער זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אָנְרִירְן דִי זַאכְן. אֲפִילוּ אַייעֶר מַאן הָאט נָאךְ יֶעצְט דִי טֶעלֶעפָאן וְכוּ׳, דָאס

הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ, אִיר זָאלְט זַיין פֶּעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט אָנְצוּרִירְן דִי טֶעלֶעפָאן, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס צַדִיקִים זָאגְן, נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, נִישְׁט צוּ קוּקְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר דִי שְׁטַארְקֵייט עֶס זָאל מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט זַיין קַיין נִסָיוֹן דִי זַאכְן, וַוייל וִוי קֶען אִיךְ זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט אַז דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער - מַאכְט חָרוּב אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וִוי קֶען אִיךְ טְרַאכְטְן אַז אִיךְ וֵוייס בֶּעסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין פַאר דִי צַדִיקִים אוּן נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער.

אָנָּא הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אָנָּא הַשֵּׁם, הַרְחֵק מֵעָלַי אֶת הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערְוַוייטֶער פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן רוֹב שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶער אַרוּם מִיר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָנָּא הַשֵּׁם גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִי גֶעדַאנְק אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת אוּן אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוּיבּ דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער גֵיין נָאךְ דַיין הַארְץ וְכוּ׳; בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ נָאכְנִישְׁט אָנְטוּן דִי קְלֵיידֶער וִוי מֶען גֵייט בַּיי אוּנְז חֲסִידִים, יֶעצְט זָאלְסְטוּ גֵיין אַזוֹי וִוי דוּ גֵייסְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, וֶוען דוּ וֶועסְט אַ חָתָן וֶוערְן - וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט אָנְטוּן דִי חֲסִידִי׳שֶׁע קְלֵיידֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי שִׁידוּךְ וָואס דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דִיר גֶערֶעדְט אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעהַאט אַ בֶּעשָׂאוֹ, אוּן יֶעצְט הָאט דִי מֵיידְל גֶעזָאגְט נֵיין, אוּן דִי שִׁידוּךְ גֵייט דִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, דוּ דַארְפְט אַן עֵצָה; עֶרְשְׁטְנְס, גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט ׳אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט׳; אַז דִי מֵיידְל הָאט אָפְּגֶעלָאזְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן, צְוֵוייטְנְס - אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אָן אוּן עֶס וֶוערְט נִישְׁט, דָאס אִיז אַלֶעס שִׁידוּכִים; יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט נָאר, מֶען טְרָאגְט עֶס אָן - אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ. עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען טְרֶעפְט זִיךְ, מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, עֶס זֶעט שׁוֹין אוֹיס וִוי עֶס גֵייט וֶוערְן אַ שִׁידוּךְ, לְמַעֲשֶׂה וֶוערְט נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ; זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ז), אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אוּן וֶוען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וַוייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶועזְן אִין רַאדְוִויל בֶּעפָארְן אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט זַיין צְוֵוייטֶע וַוייבּ, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פְּרוּוְוען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקצה): ״אַלֶע זֶענֶען מַיינֶע שִׁידוּכִים, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט כַּמָּה וְכַמָּה זִיווּגִים, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶס אַנְדֶערְשׁ״, אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, שָׁם): מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ: ״דֶער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶועזְן פַאר דִי מֵיידְל״; אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן אוּן נִישְׁט עֶנְדִיגְן - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ. ״וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה,

וְלִפְעָמִים נִגְמָר הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים, וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשֶׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם. וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּמָּה בְּחִינוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיְנֵי הַשִּׁדּוּכִים וְהַזִּוּוּגִים שֶׁאֵינָם נִגְמָרִים אַחַר כָּךְ, אֲבָל כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ. כִּי כָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים, רַק שֶׁאֵצֶל זֶה נִגְמָר אֵיזֶה זִוּוּג שֶׁלּוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר בְּעָלְמָא שֶׁמְּדַבְּרִים מִזֶּה הַשִּׁדּוּךְ, וְלִפְעָמִים עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר יוֹתֵר אוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה הִתְקַשְּׁרוּת אוֹ נְסִיעָה אוֹ עֻבְדָּא בִּשְׁבִיל הַשִּׁדּוּךְ לְפִי שָׁעָה וְכוּ' כַּנַּ"ל"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר אַ בָּחוּר אוּן פַאר אַ מֵיידְל כְּדֵי זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ - אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט - אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס, ווייל עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, עַיֵּין שָׁם.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָאז נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג אִים ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק דַיין שִׁידוּךְ, וֶועסְטוּ זֶען ווִי דַיין יְשׁוּעָה וֶועט שׁוֹין קוּמֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): **"אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין שְׁמוּעֶסְן פוּן פְרֶעמְדֶע אוּן לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט פַאר דִיר אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, דוּרְךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, בִּיסְט אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיב דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען בִּקְבִיעוּת יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע. וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה פוּן פְרִיעֶר, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'אוֹיבּ תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן

טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין שְׁמוּעֶסְן פוּן פְרֶעמְדֶע, אוּן זִיכֶער נִישְׁט פוּן לֵצִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה אוּן מִיט צַדִיקִים. יֶעצְט וֶוען עֶס פַארְמֶערְן זִיךְ דִי אִינְטֶערְוְויָאס, פַּאדְקֶעסְטְס וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי זַאכְן, עֶס שְׁוַואכְט אָפּ דִי אֱמוּנָה אוּן דִי אֱמוּנַת חֲכָמִים. עֶס זֶעט אוֹיס ווִי נִישְׁט קַיין גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, אָבֶער דִי עֶנְדֶע פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן י): "קָשָׁה לֵיצָנוּת" לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, "שֶׁתְּחִלָּתוֹ יִסּוּרִין", אִין אָנְהוֹיבּ לַיידְט מֶען, "וְסוֹפוֹ כְּלָיָה", אוּן בַּיים סוֹף פַארְלֶענְדְט עֶס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אוֹיךְ פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה (שָׁם, סִימָן א), "עַל יְדֵי לֵיצָנוּת יִהְיֶה לוֹ נוֹשִׁים הַרְבֵּה", מֶען הָאט אַסַאךְ חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּם מַאן קֶעגְן זַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין, ווייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאפוֹילְן, אוּן אַז דִי מִצְוָה קוּמְט אָן שְׁוֶוער - וֶועט דִי שְׂכַר זַיין גְרֶעסֶער.

אַז דַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ דִיר קֶעגְן דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן דָאס נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּ דִיר שְׁלֶעכְטְס וֶועגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ מִיט שֵׂכֶל דָאס נִישְׁט קֵיינֶעם דֶערְצֵיילְן; זַיי ווִי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וָואס הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אַרוּמְגֶעדְרֵייט - אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג).

מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, בִּפְרַט פַאר עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אַ

וַוייבּ, דָארְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין פֵייעֶר. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע פוּן נַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער רֶעדְן צוּ אִים שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן כָּבוֹד, אוּן נָאכְן עֶנְדִיגְן רֶעדְן, וֶוען זִי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. שְׁפֶּעטֶער קוּמְט אַרַיין דִי רֶעבִּיצִין אוּן הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: "דַיין מַאמֶע אִיז דָא גֶעוֶוען, וָואס הָאט זִי גֶעוָואלְט? דַיין מַאמֶע אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ בִּיטֶערֶע, אִיךְ בִּין אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן אִיר", זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן; וִוידֶער הָאט אִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ, אוּן וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס פוּן צִימֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. דֶער גַבַּאי הָאט דָאס אַלֶעס אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַאר דִי מַאמֶע גֶעבְּט דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְט אוּן פַאר דִי וַוייבּ גֶעבְּט דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְט?" הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט אוֹיךְ גֶערֶעכְט..." אִים צוּ לֶערְנֶען דֶער טִיפֶער לִימוּד פוּן טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי בֶּעבִּי וֵויינְט, אוּן דִי מַאמֶע וֵויינְט מִיט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

דָאס וָואס איר וֵויינְט אַסַאךְ, אִיר הָאט וֵוינִיג כֹּחַ; דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אַייךְ, און אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זֵייגְן, אִיר גֶעבְּט מִילְךְ בָּאטְלֶעךְ - אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט.

קְלַאפְּט אַייךְ נִישְׁט, אַזוֹי קוּמְט עֶס, עֶס נֶעמְט אַפָּאר וָואכְן בִּיז מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּ דִי כֹּחוֹת, און אַז דִי בֶּעבִּי וֵוינְט וֵויינְט אוּן אִיר וֵויינְט מִיט, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ - דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל, און אַז אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס מַאכְן אַייךְ שְׁפִּירְן ווי אִיר זֶענְט נִישְׁט קַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע, זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ, און מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ"; מֶען דַארְף נִישְׁט כֹּחַ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מַאכְט מִיט דִי לִיפְּן, מֶען זָאגְט: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט כֹּחַ, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ"; דָאס גֶעבְּט אַסַאךְ אַסַאךְ כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים, אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דֶעם שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר מִשְׁפַּחַת ...; עֶר רוּפְט מִיךְ אָן אַז דֶער בָּחוּר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אִינְמִיטְן דִי בֶּעשָׂאוּ. אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן צוּם בָּחוּר און אִים מְחַזֵּק זַיין, ווִי עֶס זֶעט אוֹיס אִיז עֶר מְיוּאָשׁ, עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, מֶען דַארְף אִים זֵייעֶר שְׁטַארְקְן.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים, און אַז מֶען כַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ' - טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה. מִיטְן מַאכְן שִׁידוּכִים לֵייזְט מֶען אוֹיס דִי שְׁכִינָה פוּן גָלוּת, און מֶען בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְנַאכְטְס אִיז קְרִיטִיש וִויכְטִיג צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דוּ הֶערְסְט וִוי דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, דֶער קִינְד אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער אִין דֶער קִינְד אִיז אַ מְחוּצָף, יֶעדֶער אִיז שְׁלֶעכְט, אוּן דָאס מַאכְט דִיךְ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אִיר, אַז זִי קְלַאפְּט דִי קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ גְלַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי לֵייצֶעס אוּן הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז זִי זָאל קוּמֶען צוּ זִיךְ, דָאס שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִיז פוּן זַיין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט.

דִי צַייט פוּן פַארְנַאכְטְס אִיז קְרִיטִיש וִויכְטִיג צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. אַז דוּ ווִילְסְט שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן, נִישְׁט פַארְנַאכְטְס וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיף אֵיין מָאל יֶעדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַלֶעס פְלִיט, אוּן אַלֶע שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען; זָאלְסְטוּ אַהֵיים לוֹיפְן אוּן אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי לֵייצֶעס בִּיז דַיין וַוייבּ קוּמְט צוּ זִיךְ.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער - אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן זֵיי יֶעדֶער זָאל עֶפֶּעס הֶעלְפְן, וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶער, אַ פְרֵיילִיכֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ וֶועסְט אַרוּמְגֵיין דֶערְבִּיטֶערְט וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט פַּארְדִינֶען, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִיר; דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין מִשְׁפָּחָה, חֲבֵרִים, אַלֶע וֶועלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן אַ זוֹיעֶרְער, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶער, אַ פְרֵיילִיכֶער; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, דַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט בְּלִיעֶן, דַיין פַּרְנָסָה וֶועט זַיין גוּט, אוֹיךְ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַרַיינְגֵיין צוּ דִי קְדוּשָׁה, וַוייל צַדִיקִים זָאגְן אַז שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ.

פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין מְזוּזָה, מִיט דַיין תְּפִילִין. מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי אָנְגֶעפִילְט דוּ בִּיסְט מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַנְטְלוֹיף פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. זַיי זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶענְפֶעלְד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער יְרוּשָׁלַיִם׳עֶר רָב. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס בַּיי אוּנְז בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעוִויסְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלְס קִינְד אִיז אֵיינְמָאל אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר וֵויינֶען אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, פְרֶעגְט אִים דֶער טַאטֶע: ״פַארְוָואס טַאקֶע הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי בְּרָכָה?״ זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי״; וַוייל מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ גְלַייךְ מְחַיֶּה זַיין, גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד!״

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין פוּן טֻמְאַת מֵת, פוּן נִיאוּף, פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת גֵייעֶן מִיר לֵיינֶען פַּרְשַׁת פָּרָה,

זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן טֻמְאַת מֵת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה" נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה, "שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח", מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, "כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת", מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוּמְרֵיין, "כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח", מֶען זָאל זַיין רֵיין צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ", וַוייל דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וֶוערְט מֶען גֶערֵיינִיגְט פוּן טֻמְאַת מֵת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן אַז מֶען אִיז מִיד אוּן נָאכְגֶעלָאזְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט אִין דִי חֲדָשִׁים וְכוּ׳ - אִיז בַּיי אַלֶעמֶען אַזוֹי, מֶען אִיז מִיד, מֶען הָאט וֵויינִיגֶער כֹּחַ.

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ מִיט דֶעם וָואס אִיר זֶענְט מִיד אוּן אִיר הָאט וֵויינִיג כֹּחַ, אוּן דִי שְׁטוּב וֶוערְט נָאכְגֶעלָאזְט. מֶען מֶעג שְׁלָאפְן, אוּן אַז מֶען אִיז מִיד נָאכְן שְׁלָאפְן - קֶען מֶען נָאכְאַמָאל שְׁלָאפְן. קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ מִיט דֶעם, טְרַאכְטְס פוּן דִי מַתָּנָה וָואס אִיר בַּאקוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הַאלְט שׁוֹין דָא.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען הֵייסְט פוּן הִימְל טַאנְצְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְפוּלְן דִי הֶערְצֶער מִיט אֱמוּנָה, וַוייל וָואס מֶער אֱמוּנָה מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער - אַלְץ מֶער וֶועלְן זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְן.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ וֶועט זַיין דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִויל אִיךְ מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פוּן דֶעם צַדִּיק, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע עֶלְטֶערְן דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדָה.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אִים.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׂא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי זֶענֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן גֶעגַאנְגֶען אִין דֶערְפְלֶעךְ אוּן אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, אוּן יֶעדֶע נַאכְט גֶענֶעכְטִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, מֶערְסְטְנְס הָאבְּן זֵיי גֶענֶעכְטִיגְט אִין קְרֶעטְשְׁמֶעס אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, יֶעצְט הֶערְט אַייךְ גוּט צוּ, וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בַּאלֶערְנְדֶע מַעֲשֶׂה:

שַׁא... שְׁטִיל... עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, דִי צְוֵויי בְּרִידֶער שְׁלָאפְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דָארְט אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צִימֶער שִׁיכּוֹר׳ע גוֹיִם, זֵיי זוּכְן מִיט וֶועם זֵיי קֶענֶען זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטְן, אִינְמִיטְן בַּאמֶערְקְן זֵיי צְוֵויי אִידְן שְׁלָאפְן, זֵיי כַאפְּן אָן אֵיינֶעם אוּן זֵיי שְׁלֶעפְּן אִים אַרוֹיס פוּן בֶּעט, אוּן זֵיי הֵייסְן אִים טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע.

"זוּשָׂא... זוּשָׂא... דָאס בִּין אִיךְ, דַיין בְּרוּדֶער מֵיילֶךְ... זוּשָׂא שְׁטֵיי אוֹיף, טוּ מִיר אַ טוֹבָה, דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מִיר, זֵיי זֶענֶען שִׁיכּוֹר, זֵיי

לָאזְן מִיךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט שְׁלֶעפְּן זֵיי מִיךְ אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן זֵיי הֵייסְן מִיר אִיךְ זָאל טַאנְצְן פַאר זֵיי אַ קַאדַאטְשְׁקֶע, זוּשָׁא... אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן בֶּעטְן מִיט מִיר? אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען שְׁלָאפְן אַבִּיסְל אוּן דוּ וֶועסְט אַבִּיסְל טַאנְצְן?"

"זִיכֶער מֵיילֶךְ, אִיךְ גִיס זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אִיךְ גֵיי אִין דַיין בֶּעט אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין מַיין בֶּעט", אוּן רֶבִּי זוּשָׁא אִיז אַרַיין אִין רֶבִּי מֵיילֶךְ'ס בֶּעט אוּן רֶבִּי מֵיילֶךְ אִיז אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא'ס בֶּעט אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַיין, אוּן וואוּנְדֶער פַּאסִירְט, דִי גוֹיִם זָאגְן: "יֶעצְט וֶועלְן מִיר גֵיין צוּם אַנְדֶערְן אִיד, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שוֹין צוּפִיל מָאל גֶעטַאנְצְן, יֶעצְט וֶועלְן מִיר זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער", זֵיי שְׁלֶעפְּן אִים אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן זֵיי הֵייסְן אִים טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעזָאגְט וֶוען דָאס פַּאסִירְט מִיט אוּנְז? וֶוער קֶען טְרַאכְטְן? וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זָאגְט פַאר זַיין הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער: "זוּשָׁא, אַז מֶען הֵייסְט פוּן הִימְל טַאנְצְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן, אוּן אַז מֶען בַּייט זִיךְ דִי בֶּעטְן, וֶועלְן זֵיי גֵיין צוּם אַנְדֶערְן בֶּעט..."

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט זֵיי וֵוייסְן זֵיי אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי בְּלַייבְּן אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מֶען מוּטְשֶׁעט זֵיי מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זֵיי.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: "אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק".

בְּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי אַפָּאר שִׁיכּוֹרֶ'ע גוֹיִם פַאלְן פוּן דִי פִיס, אוּן וִוי אַ אִיד מִיט קָאלְטֶענֶעס טַאנְצְט אַ פְרֵיילִיכֶע קַאדַאטְשְׁקֶע, אוּן בַּיי דִי זַייט זֶעט מֶען צְוֵויי הוֹיפֶענֶעס מִיט שְׁטְרוֹי אוּן אוֹיף אֵיינְס שְׁלָאפְט אֵיינֶער, מִיט נֶעגְל וַואסֶער אוּן מִיט שְׁלָאף צִיצִית אוּן אַ נַאכְט קְלֵייד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קְלֵיידְל קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אוּן וֶוען אִיר הָאט אַ סָפֵק אוֹיף אַ קְלֵיידְל, אוֹיבּ עֶס אִיז אֵיידְל אָדֶער נִישְׁט - גֵייט אִיר צוּם שְׁפִּיגְל, אוּן אִיר פְרֶעגְט זִיךְ אַלֵיין: "וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קְלֵיידְל מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ?" אוּן אַזוֹי קוּמְט אַרוֹיס דִי וָוארְהֵייט אוֹיבּ דִי קְלֵייד אִיז אֵיידְל.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט אוּן צוּ דִי אִידִישֶׁע חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם מַאן, דִי קִינְדֶער, אוּן זִיךְ אַלֵיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן אִיז אַ וואוּילֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז גָאר אַ גוּטֶער, אוּן אַז אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אַז אִיר וֶועט קוּקְן נָאךְ בֶּעסֶער וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, "בָּנְתָה בֵיתָהּ", בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ מִיט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מִיט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ.

אַ שָׁאד מֶען לֶערְנְט דָאס נִישְׁט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִין דִי סְקוּלְס; אַנְשְׁטָאט לֶערְנֶען שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים פוּן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט וויסְן פַארְן לֶעבְּן, וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען דִי חָכְמָה ווִי אַזוֹי מֶען בּוֹיט אוֹיף

אַ מַאן, ווי אַזוֹי מֶען בּוֹיט אוֹיף קִינְדֶער, ווי אַזוֹי מֶען בּוֹיט זִיךְ אַלֵיין אוֹיף; דוּרְךְ אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס און דוּרְךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס, און נָאר פון דֶעם טְרַאכְטְן; וָואלְט מֶען דָאס גֶעלֶערְנְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ - וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַלֶע גִיטִין, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה.

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְט אִיר אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; וָואס דָאס דַארְף נִישְׁט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וַוייל אִיר זֶענְט זֵייעֶר טֵייעֶר, און נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן, וָואס אִיז טַאקֶע גוּט און וויל נָאר זַיין גוּט, און אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גְלֵייבְּט דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז דֶער דָאקְטֶער פַאר אַלֶע דוֹרוֹת בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, נָאר דֶער רֶבִּי הֵיילְט און וֶועט אוּנְז וַוייטֶער הֵיילְן, נָאר דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת הֵיילְן דִי נֶפֶשׁ, און אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) אַז דוּרְךְ קוּקְן גוּט קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - דַארְף מֶען דָאס טוּן, און אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אַן עֵצָה צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג - דַארְף מֶען דָאס טוּן, מֶען דַארְף זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט און אַ פְּלַאץ יֶעדְן טָאג פַאר אַפָּאר מִינוּט און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל נָאר דִיךְ, אִיךְ וויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וויל זַיין הֵיילִיג, גֶעוַואלְד אִיךְ גֵיי שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק אַהֵיים צוּ דִיר, מִיט וָואס וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר? ווי אַזוֹי וֶועל אִיךְ שְׁטֵיין בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה? הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן, נָאר זֶען גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, און אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער טוּט מִיר וֵויי זָאל אִיךְ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ און פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם, נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם מִיט אַ רַחְמָנוּת, מִיט לִיבְּשַׁאפְט".

זַייט שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, זוּכְן גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, בְּעִיקָר אִין זִיךְ אַלֵיין און אִין אַייעֶר מַאן, און מִיט דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אַייעֶר לֶעבְּן אַייךְ וֶוערְן גַן עֵדֶן, זִיס, גֶעשְׁמַאק, אַיינְגֶענֶעם און בַּא׳טַעמְ׳ט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ טַעַם גַּן עֵדֶן אִינֶעם טָאפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהַרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי קִינְדֶער, אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ עֶסְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ זוּפּ וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעגֶעסְן בַּיי יֶענֶע אוּן יֶענֶע קְרֶעטְשְׁמֶע, אוֹיבּ מֶען קֶען אִים גֵיין בְּרֶענְגֶען יֶענֶעם זוּפּ. דָאס אִיז בַּיי דִי קִינְדֶער גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער, וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן עֶסְן, אוּן דָא בֶּעט עֶר עֶפֶּעס אַזַא מִין זַאךְ? אָבֶּער אַז דֶער צַדִּיק זָאגְט - פָאלְגְט מֶען.

דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דָארְט אוֹיבּ מֶען קֶען צוּשְׁטֶעלְן דִי זוּפּ ״טֵייגְל יוֹהְךְ״. נָאכְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי זוּפּ הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דִי פְרוֹי פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אוֹיבּ זִי ווִיל אַרוֹיסְגֶעבְּן וִוי אַזוֹי זִי מַאכְט אַזַא גוּטֶע זוּפּ, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אָרֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי זוּפּ, אִיךְ שְׁטֶעל אַ טָאפּ, אִיךְ לֵייג אַרַיין וַואסֶער אוּן אַבִּיסְל שָׁאלַאכְץ פוּן מֵייעֶרְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ׳גְרוֹיסֶער גָאט, דוּ הָאסְט אַזוֹי סַאךְ גַּן עֵדֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ בֶּעט דִיר, לֵייג אַרַיין אִין דִי טָאפּ אַבִּיסְל טַעַם גַּן עֵדֶן׳, דָאס אִיז מַיין רֶעסֶעפִּי״.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט אַהִין גֶעשִׁיקְט אוּן אַז עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט פוּן דִי זוּפּ אוּן גֶערֶעדְט פוּן דִי זוּפּ; עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי אַזוֹי מֶען בֶּעט, אוּן וָואס מֶען שְׁפִּירְט נָאכְן בֶּעטְן; מֶען שְׁפִּירְט אַ גַּן עֵדֶן לֶעבְּן.

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַ טָאג פוּן אַ יָארְצַייט פוּן אַ צַדִיק דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ רֶעדְן מִיט דִיר אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר".**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז פַּרְשַׁת פָּרָה, זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שַׁבָּת, מֶען גֵייט זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן טֻמְאַת מֵת. דֶער רֶבִּי זָאגְט, וָואס אִיז טֻמְאַת מֵת? (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמב): "הִרְהוּרִים שֶׁל נִאוּף" טְרַאכְטְן פוּן שְׁמוּץ, טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, קוּקְן מָאוִויס, ווִידִיאוֹס וְכוּ', "הֵם בְּחִינַת אֲבִי אָבוֹת הַטֻּמְאָה", דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע טוּמְאָה, "בְּחִינוֹת מֵת", דָאס אִיז טֻמְאַת מֵת; מֶען וֶוערְט טוֹיט, מֶען רַייסְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר דַארְפְן קוּמֶען צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל, צוּ דִי צַדִיקִים - זָאלְן אוֹיף אוּנְז שְׁפְּרִיצְן פוּן דִי רֵיינֶע קְוָואל וַואסֶער, פוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת אוּנְז רֵיין צוּ מַאכְן.

אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מוֹרֵנוּ הָרַב ר' ... שְׁלִיטָ"א**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שָׁלִיחַ אִין אַמֶערִיקֶע וָואס פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען שִׁיקְן אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ אוּן הַצְלָחָה צוּ קֶענֶען לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה. יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל וְזוּ' אֶסְתֵּר גִיטְל בַּת חַיָה שָׂרָה הוּדְיָא, אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, שְׁלֹמֹה וּמִשְׁפּ', אֶלְחָנָן חַיִים וּמִשְׁפּ', מִרְיָם הֶענְיָא זִיסְל וּמִשְׁפּ', שִׁמְעוֹן וּמִשְׁפּ', נַחְמָן נָתָן, יִצְחָק דָוִד, צְבִי, רָחֵל לֵאָה, יוֹסֵף, מְנַחֵם, יְחֶזְקֵאל, מַלְכָּה.

...

## זִיךְ נִשְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי אַרְמֵיי פוּן דִי עֵרֶב רַב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זַיי נִשְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף וָואס דֶער מְנַהֵל שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִשְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי אַרְמֵיי פוּן דִי עֵרֶב רַב, אוּן אוֹיף וָואס דֶער מְנַהֵל הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל פַארְשְׁטֶעלְן דִי קִינְדֶער ווִי אַן אַרְמֵיי, קֶען מֶען זֵיי מַאכְן וִוי דִי אַמֶעריקַאנֶע אַרְמֵיי, טֶערְקִישֶׁע אַרְמֵיי, רוּסִישֶׁע אַרְמֵיי.

דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט מִיךְ יֶעדֶע זַאךְ, מִיר מַאכְן נָאר וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא״שׁ אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אַז דִי מִילִיטֶער פוּן דִי עֵרֶב רַב אִיז כּוֹלֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, ווִיל אִיךְ נִשְׁט מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן ווִי זֵיי, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ ווִי גוֹיִם - אִיז דָאס נִשְׁט ווִי מִינִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער חִינוּךְ וָואס מִיר גֶעבְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַז דִי מְדִינָה הַצִּיוֹנוּת אִיז אַ מְרִידָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מְרִידָה אִין דִי תּוֹרָה אוּן אַ מְרִידָה בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאכְאַמָאל מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף וָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, וָואס זֶענֶען דִי עִקָּרִים; מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן צוּ לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת אוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אוּן דִי חִיזוּק זִיךְ נִשְׁט צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן עֶס זָאל דִיר נִשְׁט מַחְלִישׁ דַעַת זַיין דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַזָל טוֹב מַזָל טוֹב פַּאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב מַזָל טוֹב פַּאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁידוּךְ פוּן עֶנְקֶער טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳ מִיטְן חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, אַ זוּן פוּן דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט יֶעצְט בַּיי מִיר דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מְחוּתָּנִים, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שִׂמְחָה, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְז, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן בַּיי אוּנְז דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן דִי שִׁידוּךְ; בֵּיידֶע זֶענֶען אוֹיסֶער זִיךְ פוּן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי.

אוֹיךְ אַ גְרִיס פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר כְּסֵדֶר בְּרִיוו וִוי עֶר שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אוֹיךְ זַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, וִוי זִי לֵייגְט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידוֹת יִרְאַת שָׁמַיִם, צְנִיעוּת, מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## אֵייבִּיג בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי זֶענֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן גֶעגַאנְגֶען אִין דֶערְפְלֶעךְ אוּן אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, אוּן יֶעדֶע נַאכְט גֶענֶעכְטִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, מֶערְסְטְנְס הָאבְּן זֵיי גֶענֶעכְטִיגְט אִין קְרֶעטְשְׁמֶעס אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, יֶעצְט הֶערְט אַייךְ גוּט צוּ, וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בַּאלֶערְנֶדֶע מַעֲשֶׂה:

שַׁא... שְׁטִיל... עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, דִי צְוֵויי



אַז מֶען הֵייסְט פוּן הִימְל טַאנְצְן...

בְּרִידֶער שְׁלָאפְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דָארְט אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צִימֶער שִׁיכּוֹרֶ׳ע גוֹיִם, זֵיי זוּכְן מִיט וֶועם זֵיי קֶענֶען זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטְן, אִינְמִיטְן בַּאמֶערְקְן זֵיי צְוֵויי אִידְן שְׁלָאפְן, זֵיי כַאפְּן אָן אֵיינֶעם אוּן זֵיי שְׁלֶעפְּן אִים אַרוֹיס פוּן בֶּעט, אוּן זֵיי הֵייסְן אִים טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע.

"זוּשָׁא... זוּשָׁא... דָאס בִּין אִיךְ, דַיין בְּרוּדֶער מֵיילְךְ... זוּשָׁא שְׁטֵיי אוֹיף, טוּ מִיר אַ טוֹבָה, דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מִיר, זֵיי זֶענֶען שִׁיכּוֹר, זֵיי לָאזְן מִיךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט שְׁלֶעפְּן זֵיי מִיךְ אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן זֵיי הֵייסְן מִיר אִיךְ זָאל טַאנְצְן פַאר זֵיי אַ קַאדַאטְשְׁקֶע, זוּשָׁא... אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן בֶּעטְן מִיט מִיר? אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען שְׁלָאפְן אַבִּיסְל אוּן דוּ וֶועסְט אַבִּיסְל טַאנְצְן?"

"זִיכֶער מֵיילְךְ, אִיךְ גִיס זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אִיךְ גֵיי אִין דַיין בֶּעט אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין מַיין בֶּעט", אוּן רֶבִּי זוּשָׁא אִיז אַרַיין אִין רֶבִּי מֵיילְךְ׳ס בֶּעט אוּן רֶבִּי מֵיילְךְ אִיז אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא׳ס בֶּעט אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַיין, אוּן וואוּנְדֶער פַּאסִירְט, דִי גוֹיִם זָאגְן: "יֶעצְט וֶועלְן מִיר גֵיין צוּם אַנְדֶערְן אִיד, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין צוּפִיל מָאל

גֶעטַאנְצְן, יֶעצְט וֶועלְן מִיר זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער", זֵיי שְׁלֶעפְּן אִים אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן זֵיי הֵייסְן אִים טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעזָאגְט וֶוען דָאס פַּאסִירְט מִיט אוּנְז? וֶוער קֶען טְרַאכְטְן? וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זָאגְט פַאר זַיין הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער: "זוּשָׁא, אַז מֶען הֵייסְט פוּן הִימְל טַאנְצְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן, אוּן אַז מֶען בַּייט זִיךְ דִי בֶּעטְן, וֶועלְן זֵיי גֵיין צוּם אַנְדֶערְן בֶּעט..."

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט זֵיי וֵוייסְן זֵיי אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי בְּלַייבְּן אֵייבִּיג פְּרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מֶען מוּטְשֶׁעט זֵיי מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זֵיי.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: "אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק".

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

**סיינט אייך אויף עס צו**
**באקומען וועכנטליך**
**אויף די פאסט**

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664